**🎶"אויפן וועג שטייט א בוים"**

פון : איציק מאנגער

'אויפן וועג שטייט א בוים שטייט ער איינגעבויגן,
אלע פויגלען פון דעם בוים זיינען זיך צעפלויגן,

דריי קיין מזרח דריי קיין מערב און די רעשט קיין דרום,
און דער בוים געלאזט אליין, הפקר פארן שטורעם.

זאג איך צו מיין מאמען, הער, זאלסט מיר נאר ניט שטערן,
וועל איך מאמע איינס און צוויי באלד א פוגל ווערן,

איך וועל זיצן אויפן בוים און וועל אים פארוויגן.
איבערן ווינטער, מיט א  טרייסט, מיט א שיינעם ניגון.

זאָגט די מאַמע : "ניטע, קינד", און זי וויינט מיט טרערן.
"קענסט חלילה אויפֿן בוים מיר פֿאַרפֿרוירן ווערן".

זאָג איך : " "מאַמע, ס´איז אַ שאָד דיי ַנע שיינע אויגן" -
און איידער וואָס, און איידער ווען, בין איך מיר אַ פֿויגל.

וויינט זי מאמע : "איציק קרוין" נעם, אום גאָטעס ווילן,
נעם כאָטש מיט א שאַליקל זאָלסט זיך נישט פֿאַרקילן.

די קאַלאָשן נעם דיר מיט, ס´גייט אַ שאַרפֿער ווינטער -
און די קוטשמע טו דיר אָן, ווי איז מיר, און ווינד מיר.

און דאָס ווינטער-לייבל נעם, טו עס אָן, דו שׂוטה,
אויב דו ווילסט נישט זיי ַן קיין גאַסט צווישן אַלע טויטע".

כ´הויב די פֿליגל - ס´איז מיר שווער, צו פֿיל, צו פֿיל זאַכן,
האָט די מאַמע אָנגעטאָן, דעם פֿייגעלע דעם שוואַכן.

קוק איך טרויעריק מיר אַריי ַן אין דער מאַמעס אויגן -
ס´האָט איר  ליבשאַפֿט נישט געלאָזט ווערן מיך אַ פֿויגל..

אויפֿן וועג שטייט אַ בוים שטייט ער איי ַנגעבויגן,

אַלע פֿייגל פֿונעם בוים זענען זיך צעפֿלויגן.

ים, טרי, טרי, טרי, טרי, ......